# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת חקת | 387

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'תורה לשמה' איז מטהר די טמאים

"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה" (יט ב)

אסאך וואונדערן זיך אויף דעם וואס די תורה האט אנגעהויבן די פרשה פון פרה אדומה וואס רעדט וועגן מטהר זיין די טמא'ענע מענטשן מיט די ווערטער "זאת חוקת התורה", ענדערשט וואלט מען געדארפט אנהייבן מיט די ווערטער: 'זאת חוקת הטהרה', אזוי ווי די פרשה פון קרבן פסח (שמות יב מג) הייבט זיך אן: 'זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח'?

ענטפערט **רבי כלב פייבל שלעזינגער** טאפלאטשאנער רב:

די חכמים (במ"ר יט א) האבן באטאנט דעם אינטערעסאנטן קעגנזייטיגקייט וואס איז דא ביי די דינים פון פרה אדומה, אין די צייט וואס דאס איז מטהר די טמאים, איז זי מטמא די טהורים, אזוי ווי מיר טרעפן אז אלע וואס באשעפטיגן זיך מיטן עס טון ווערן טמא. דער וואס טראכט אריין אין די כח התורה וועט אין דעם אויך קענען טרעפן די סארט קעגנזייטיגקייט, אזוי ווי די חכמים זאגן (תענית ז א): "כל העוסק בתורה לשמה, תורתו נעשית לו סם חיים... וכל העוסק בתורה שלא לשמה [כדי לקנטר את חבירו (תוספות שם ד"ה וכל)], נעשית לו סם המוות". זעט מען אז דער זעלבער לימוד התורה וואס איז מטהר און געבט לעבן פאר דעם וואס לערנט לשמה, איז מטמא און נעמט אוועק דאס לעבן פון דער וואס לערנט שלא לשמה.

כדי צו פארענטפערן דעם ענין, האט די תורה אנגעהויבן די פרשה פון פרה אדומה מיט די ווערטער: "זאת חוקת התורה", צו זאגן: דער וואס לערנט די פרשה זאל זיך נישט וואונדערן אויף דעם אינטערעסאנטן קעגנזייטיגקייט וואס איז פאראן אין דעם, ווייל אויך אין די תורה טרעפן מיר א ענליכע זאך.

און מ'קען צולייגן אז צוליב די געוואלדיגע הארבקייט פון לערנען שלא לשמה, אזוי ווייט אז עס ברענגט מיתה אויפן מענטש, האט מען מתקן געווען מיר זאלן בעטן יעדן אינדערפריה אויף דעם ביי די ברכת התורה: ונהיה אנחנו וצאצאינו... ולומדי תורתך לשמה", ווייל נאר דורכן לערנען לשמה וועט די תורה זיין פאר אונז א סם חיים.

'תורת בר נש'

### 'אפר, מצורע, נדחי' - 'אמן'

"וְאָסַף אִישׁ טָהוֹר אֵת אֵפֶר הַפָּרָה" (יט ט)

דער **'בעל הטורים'** ברענגט אז עס זענען פאראן נאך צוויי פסוקים וואו דארט שטייט די ווארט "וְאָסַף": א. "וְאָסַף הַמְּצֹרָע" (מ"ב ה יא); ב. "וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל" (ישעיה יא יב). און אזוי טייטש ער אויס די קשר פון די דריי פסוקים: ווען מיר וועלן זוכה זיין עס זאל מקוים ווערן ביי אונז "וְאָסַף נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל" אין די צייט פון די גאולה, דעמאלטס: "וְאָסַף הַמְּצֹרָע" - וועט אפגעטון ווערן פון דער וועלט די אלע מחלות און צווישן זיי די נגע הצרעת, און עס וועט זיין דער זמן פון ובלע המות לנצח (ישעיה כה ח), און ממילא וועט אויך מקויים ווערן: "וְאָסַף... אֵת אֵפֶר הַפָּרָה", ווייל מ'וועט שוין נישט דארפן מטהר זיין די וואס זענען טמא געווארן פון א מת.

אויף דעם האט צוגעלייגט **רבי מאיר זאב הכהן זאלצער** פון די מונקאטשער דיינים, אז די ראשי תיבות פון די הויפט-זאכן וואס ווערן דערמאנט אין די דריי פסוקים: 'אפר, מצורע, נדחי' איז 'אמן' - אונז צו לערנען אז אין זכות פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה און צו די הבטחות וואס זענען מרומז אין די פסוקים.

'דברי מאיר' [פון רמ"ז זאלצער]

### שהוא עונה: "לחש!"

"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה" (יט ב)

עס איז ידוע די מעשה וואס ווערט געברענגט אין גמרא (קדושין לא א) וועגן דער גוי מיטן נאמען דמא בן נתינה וואס די חכמים האבן געוואלט אפקויפן פון אים א שטיין וואס האט געפעלט פון די אפוד און באצאלן אויף דעם א גרויסע סומע, אבער ווייל די שליסלעך פון זיינע אוצרות זענען געווען אונטער די קאפ פון זיין טאטן וואס איז דעמאלטס געשלאפן, האט ער עס נישט געוואלט פארקויפן, און האט זיי אוועקגעשיקט ליידיגערהייט. און זיין שכר אויף די מצוה פון כיבוד אב איז געווען אז ער האט זוכה געווען אז עס איז אים געבוירן געווארן א פרה אדומה אין זיין שטאל, און ווען די חכמי ישראל זענען געקומען אפקויפן פון די קוה, האט ער זיי געזאגט: "איך ווייס אז אויב איך וועל בעטן פון ענק אלע געלטער אויף דער וועלט וועלן ענק מיר געבן, אבער איך בעט נישט פון ענק נאר די געלט וואס איך האב דערלייגט צוליב מיין טאטנ'ס כבוד".

פארוואס די שכר פון דמא איז פונקט געקומען דורך א פרה אדומה, דער אייבערשטער האט דאך גענוג וועגן?

האט דער **שרף פון קאצק** ערקלערט:

ווען דער גוי איז בייגעשטאנען דעם ניסיון, ווען ער האט מסכים געווען צו דערלייגן אסאך געלט צוליב די מצוה פון כיבוד אב, איז ערוועקט געווארן א גרויסער קטרוג אויף כלל ישראל - פארוואס זיי זענען נישט מהדר אזוי ווי אים אין די מצוה פון כיבוד אב ואם?! כדי אפשטילן די מקטרגים, האט דער אייבערשטער באצאלט זיין שכר מיט דעם וואס ביי אים איז געבוירן געווארן א פרה אדומה, און ווען די חכמי ישראל זענען גרייט געווען צו באצאלן "כל ממון שבעולם" זענען די מקטרגים שטיל געווארן. ווייל דמא איז טאקע גרייט געווען צו דערלייגן א גרויסע סומע צוליב די מצוה פון כיבוד אב וואס איז א מצוה שכלית, אבער די אידן זענען גרייט געווען אויסגעבן "כל ממון שבעולם" כדי צו קויפן א פרה אדומה וואס איז א מצוה אן קיין טעם, און דורך דעם דערקענט זיך זייער מעלה מער פון די אומות העולם.

דער רב פון בני ברק **רבי אריה מרדכי רבינאוויץ** זאגט אז די ווארט שילדערט די הסבר פון אדמו"ר **רבי יעקב אריה מראדזימין** אויפן לשון הפיוט: "וכל מאמינים שהוא **עונה** לחש"; 'ענייה' מיינט אויפהייבן די קול, אזוי ווי עס שטייט (דברים כד יד): "וְעָנוּ הַלְוִיִּם וְאָמְרוּ אֶל כָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל קוֹל רָם", און אונזער כוונה איז צו משבח זיין אויף דעם וואס כביכול הקדוש ברוך הוא לאזט נישט מקטרג זיין אויף די אידן, נאר באלד ווען זיי עפענען זייער מויל שרייט ער אויף זיי: "לחש!" - שוואגט, און הערט אויף מקטרג זיין.

'אהל תורה'; שו"ת תירוש ויצהר סי' קנט אות א; 'זכותא דאברהם'

ברכה און א אמן - איז ווי א פלג גופא

דעם קומענדיגן מאנטאג הבעל"ט יא תמוז געפאלט אויס די יומא דהילולא פון האדמו"ר רבי **צבי הירש פון זידיטשוב** וועלעכער איז בא'טיטול'ט געווארן צווישן די צדיקים אין זיין דור מיטן טיטול 'שר בית הזוהר'. אין זיין ספר 'פרי קודש הלולים' (שער הברכות פ"ד) טוט ער ערוועגנען מ'זאל זאגן יעדן טאג די ברכות השחר מיט א חברותא, און אזוי איז זיין לשון:

**"מ'זאל זאגן די ברכות השחר אין שול, כדי יעדער זאל ענטפערן אמן אויף די ברכות פון זיין חבר. און א ברכה אן קיין אמן איז ממש ווי א האלבער קערפער..."**




ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (י'):
## דער ניינטער עיקר - נצחיות התורה

### זאת התורה לא תהא מוחלפת

דער ניינטער עיקר איז אונז מחייב צו גלייבן, אז די תורה וואס מיר האבן איז א אייביגע תורה; הקב"ה וועט עס קיינמאל נישט אויפטוישן מיט א אנדערע תורה, און וועט אויך נישט ענדערן, צולייגן אדער אראפ נעמען, אזוי ווי עס שטייט (דברים יג א): "אֵת כָּל הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת לֹא תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ". דעריבער האט די תורה באפוילן אז יעדער נביא וואס אין זיינע ווערטער פון נביאות וועט ער באפעלן צו טוישן א זאך וואס עס שטייט אין תורה, איז זיין נבואה ליגנט און מ'דארף אים הרג'ענען מיט חנק (רמב"ם פיה"מ סנהדרין הקדמה לפרק י; יסוה"ת ט א).

דער ניינטער עיקר איז א המשך צום פריערדיגן עיקר ווי דארט האבן מיר דערמאנט אונזער אמונה אז די גאנצע תורה איז איבערגעגעבן געווארן פון הקדוש ברוך הוא צו משה. אין דעם יעצטיגן עיקר רופן מיר אויס אז די תורה, נישט נאר אז עס איז נישט געטוישט געווארן ביז יעצט, נאר וועט אויך קיינמאל נישט געענדערט ווערן.

דער וואס לייקנט אין דער עיקר און זאגט אז די תורה קען חלילה געענדערט ווערן, אפילו נאר ווי א קוצו של יו"ד, איז ער חלילה ווי א כופר אין מציאות ה', ווייל 'קודשא בריך הוא ואורייתא חד הוא' (ראה זוהר אחרי עג א). אזוי ווי ביים אייבערשטן איז נישט שייך קיין שום ענדערונג, אזוי אויך וועט די תורה קיינמאל נישט געטוישט ווערן ('מנחה בלולה בשמן' [בודאפעסט תרפ"ח] ח"ב עמ' 6).

### אויך אויף תורה שבעל פה

דער עיקר איז אויך אקטועל אויף תורה שבעל פה, און אזוי ווי דער רמב"ם (פיה"מ שם) שרייבט: "וויל די תורה, איז איבערגעגעבן געווארן פונעם באשעפער, און נישט פון א צווייטן. און אויף דעם קען מען נישט צולייגן, און פון דעם קען מען נישט אראפנעמען, נישט אין תורה שבכתב און נישט אין תורה שבעל פה".

מ'דארף אנצייכענען אז דער יסוד וואס באשטימט אז אויך אין תורה שבעל פה קען מען נישט צולייגן אדער אראפנעמען, רעדט נישט פון גדרים און סייגים וואס די חז"ל האבן צוגעלייגט כדי צו מחזק זיין די מצוות פון די תורה, אדרבה די חכמים זענען דאך באפוילן געווארן צו מאכן תקנות און צולייגן, אזוי ווי דער מאירי שרייבט (חיבור התשובה בחלק משיב נפש מאמר ב' פרק ח'): "אין אונזער הייליגע תורה קען מען נישט צולייגן אדער אראפנעמען, אויב נישט גדרים וסייגים - נישט צו באנייען א ענין, נאר צו היטן אירע וועגן, און דאס איז וואס די חכמים זאגן (מועד קטן ה א): 'עשו משמרת למשמרתי'".

רבי ברוך פון קאסוב זאגט אז דער יסוד וואס באשטימט אז סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה זענען נצחיות איז מרומז אין פסוק (משלי יב יט): "שפת אמת תכון לעד". 'שפת' איז ר"ת: 'תורה שבעל פה'; 'אמת' ר"ת: 'תורת משה אמת'. סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה "תכון לעד" אן קיין שינוי אדער עפעס א הוספה ('נחמד ונעים' ליקוטי אמרים אות לו).

### די מציאות איז אונטער די תורה

די ספעצילע חשיבות פון דער עיקר האט זיך אויך אנגעזען אין לויף פון די דורות, איבערהויפט אין די תקופה פון די השכלה, ווען עס זענען אויפגעקומען די 'מתחדשים' וואס האבן געוואלט טענה'ען אז מ'דארף צופאסן די תורה צו די לעבן וואס האט זיך געטוישט אין לויף פון די דורות. די גדולי ישראל האבן זיך אנגעגארטלט מיט זייער שווערד אקעגן און האבן זיך ארויסגעלאזט אין א מלחמה אקעגן זיי מיט זייער גאנצן כח. די גערעכטיגקייט און וויכטיגקייט פון די מלחמה איז אויפגעוויזן געווארן אין א קורצע צייט, ווען עס האט זיך אויפגעוויזן פאר אלעמען ווי די נארישע מענטשן זענען אנגעקומען, און נאכמער די וואס זענען געגאנגען אין זייער וועג בלינדערהייט.

א מלך בשר ודם איז זיין חכמה באגרעניצט און ער קען טוישן זיינע גזירות לויט די סיבות ארום. להבדיל אלף אלפי הבדלות, דער באשעפער, וואס איז קורא הדורות מראש, מיט זיין געוואלדיגע חכמה האט ער אויסגעשטעלט די תורה אויף א מושלם'דיגן וועג כדי עס זאל זיין צוגעפאסט צו יעדן און אין יעדע צייט, און ממילא איז נישט שייך איר צו טוישן לויט די צייטן, ווייל די מציאות וואס עקזיסטירט אין אלע צייטן, און די תורה הקדושה, זענען באשאפן געווארן דורכן זעלבן באשעפער וואס האט זיכער געוואוסט צו צופאסן די מציאות צו די תורה און די תורה צו די מציאות ('ראש אמנה' [פון אברבנאל] פי"ג).

און ווי די וועלט דערציילט א מעשה אויף איינעם פון די ראשי המשכילים וואס איז געקומען צום גאון רבי צבי הירש אב"ד בערלין און פרובירט אים פארשלאגן זיין פארקרומטע וועג וואס לויט דעם דארף מען מבטל זיין עטליכע פון די מצוות. אנשטאט ענטפערן האט רבי צבי הירש אים דערציילט א מעשה: דו זעסט אויס ווי יענער 'בעל עגלה' וואס איז געדינגען געווארן דורך א סוחר ער זאל פירן זיין סחורה צו די יריד. דאס איז געווען אינמיטן ווינטער, די וועגן זענען פול געווען מיט בלאטע און מאראסט און די וואגן האט זיך איבערגעדרייט און די סחורה וואס איז געווען אויף דעם איז געשעדיגט געווארן. דער סוחר האט אים גערופן צו דין תורה און דער דיין האט גע'פסק'נט אז דער בעל עגלה דארף באצאלן. "פון ווי האסטו גענומען דעם פסק?" - האט דער בעל עגלה געפרעגט מיט גרויס חוצפה, און דער דיין האט אים געענטפערט: "פון די הייליגע תורה".

"אהה..." - האט זיך צולאכט דער נארישער בעל עגלה, "יעצט איז שוין אלעס פארשטענדליך; די הייליגע תורה איז געגעבן געווארן אין די זומער טעג, ווען די וועגן זענען טרוקן און אויסגעפלאסטערט. ווען איך וואלט נישט געקענט פירן דעם וואגן אינמיטן זומער וואלט איך טאקע געדארפט באצאלן. אבער יעצט איז דאך די ווינטער טעג, און די תורה האט נישט גערעדט אויף אזעלכע טעג..." ('ילקוט לקח טוב' בהעלותך).

און רבי יחיא אלצאהרי דער פריערדיגער תימנ'ער משורר האט דאס ארויסגעברענגט אין זיינע פאסיגע ווערטער: "זמנים משונים והיא לא תשונה לנצח נצחים" (תכלאל לשמחת תורה, פיוט 'אמונה יצרה').

### לא יחליף הא-ל דתו

אין פיוט 'יגדל' שרייבט דער משורר אזוי דעם עיקר: "לא יחליף הא-ל ולא ימיר דתו לעולמים לזולתו". מיט דעם האט זיך באצויגן דער משורר צו די צוויי פונקטן וואס זענען אריינגערעכנט אין דעם עיקר: אויסער וואס "לא ימיר דתו לעולמים לזולתו", ד.מ. אז ער וועט נישט טוישן די גאנצע תורה אויף א אנדערע תורה, אויך "לא יחליף הא-ל" אין זיין תורה איינס פון די מצוות ('מגיד צדק' שבסידור 'שער הרחמים').

לכאורה פארוואס שטייט "ולא ימיר דתו לעולמים... **לזולתו**", לויט די כללים פון דקדוק וואלט געדארפט שטיין 'לזולתה', ווייל דיווארט 'דת' איז דאך בלשון נקבה?

עס זענען דא וואס זאגן אז דער לשון באציט זיך אויפן פריערדיגן עיקר. ווייל די תורה איז אונז געגעבן געווארן דורך משה רבינו דער אבי הנביאים, וועט זיכער "לא יחליף הא-ל ולא ימיר דתו לעולמים לזולתו" - ד.מ. געבן פאר א אנדערן נביא די תורה, אויסער משה נאמן ביתו ('דובר שלום' שבסידור 'אוצר התפילות').

**לא יחליף הא-ל** - איין מצוה פון די מצוות פון תורה מיט א אנדערע **ולא ימיר דתו** - און וועט נישט טוישן די תורה וואס ער האט געגעבן פאר זיין פאלק די אידן **לעולמים** - קיינמאל **לזולתו** - אויף א אנדערע תורה אחרת.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א ישועה אין דעם ריכטיגן צייט און אויפן ריכטיגן פלאץ

דער וואונדערליכן ערציילונג, וואס זעט אויס ווי עס וואלט גענומען געווארן פון די תקופה פון די הייליגע תנאים, איז דערציילט געווארן דורכן באקאנטן רב פון די רמת אלחנן געגנט אין בני ברק הגאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א, און עס רעדט פון די קאלירפולע פערזענליכקייט פון זיין אלעמען באקאנטן זיידע הגאון הצדיק רבי אריה לעווין זצוק"ל, אויסער זיין אויסערגעווענליכע צדקות, זיין אומגעווענליכע מדת החסד וואס ער איז געשאנקען געווען אין דעם, און גרויסע און הויכע מדריגה אין לערנען, איז ער אויך געווען א בעל-ביטחון אויף א אויסערגעווענליכן אופן.

הגר"י זילבערשטיין שליט"א שרייבט אז צוליב די אינטערעסאנטקייט פון די מעשה האט ער זיך געקווענקלט צי עס איז פאסיג צו פארעפנטליכן, אבער דערנאך וואס ער האט זיך באראטן מיט זיין שוואגער מרן הגר"ח קנייבסקי שליט"א האט אים הגר"ח געזאגט אז ער קען עס פארציילן, און האט צוגעלייגט, עס איז פאסיג מ'זאל עס דערציילן ברבים כדי צו אויסלערנען פאר די מענטשן אין אונזער דור ווי הויעך קען א מענטש שטייגן אין די מדריגות פון ביטחון און ווי ווייט דערגרייכט די מעלה פון תפילה וואס קומט ארויס פון די טיפענישן פון הארץ.

דער ערציילונג איז פארגעקומען אין די סוף תקופה פונעם בריטישן מאנדאט וואס האט געהערשט אין ארץ ישראל. אין יענע תקופה האט רבי אריה זצ"ל געדינט אלס דער מנהל רוחני אין די באקאנטע תלמוד-תורה 'עץ חיים' וואו דארט זענען מחונך געווארן די תינוקות של בית רבן - די קינדערליך פון ירושלים של מעלה.

דאס זענען געווען די יארן נאך די צווייטע וועלט'ס קריג, די שרעקליכע מלחמה וואס האט געקאסט דאס לעבן פון צענדליגער מיליאנען סאלדאטן און ציוויליע בירגער, אסאך לענדער און שטעט זענען אינגאנצן חרוב געווארן און צווישן זיי איז די גאנצע אייראפא'ער אידנטום אפגעמעקט געווארן. דער גאנצער וועלט האט זיך געפונען אין א שווערע עקאנאמישע לאגע, און דאס האט זייער געווירקט אויף די ערליכע ירושלים'ער איינוואוינער און אירע מוסדות וואס אסאך פון זיי זענען כמעט אינגאנצן אויסגעהאלטן געווארן דורך די נדיבים פון חוץ לארץ.

די צייכענעס פון דער קריזיס האט זיך אויך אנגעזען צווישן די ווענט פון די תלמוד תורה עץ חיים. די קאסע פון די ת"ת האט זיך אויסגעליידיגט, געלט פון חוץ לארץ איז נישט געקומען, די עלטערן וואס א גרויסער טייל פון זיי זענען געווען יונגעלייט וואס האבן געלעבט אויף די כולל-געלט וואס זיי האבן זיך אויך געפלאגט צו קענען באצאלן, זענען יעצט נישט מסוגל געווען צו צאלן דעם מאגערן שכר לימוד וואס די ת"ת האט גפאדערט.

דורך דעם איז געווארן א מצב אז די הנהלה פון די ת"ת האט נישט געצאלט געהאלט פאר די מלמדים, און וויבאלד די חכמים זאגן: "אם אין קמח - אין תורה"; האט זיך ערוועקט א ערנסטער זארג אויפן רוחניות'דיגן צוקונפט פון די קינדער. דער מצב האט צוגעברענגט אז עס האט זיך אויסגעפעלט א דרינגנדן באציאונג צו די ת"ת, און רבי אריה האט זיך ארויסגעשטעלט צו העלפן די ת"ת.

ווי געזאגט האט רבי אריה געדינט אין יענע תקופה אלס משגיח פון די ת"ת, און צוליב זיין אמט איז ער געווען פאראנטווארטליך איבערגעבן די געהאלט פאר די שטאב פון די ת"ת. די פינאנציעלע אחריות איז נישט געליגן אויף אים, אבער יעדער וואס האט אים געקענט האט געוואוסט אז ביי אים איז נישט פארהאן דער באגריף פון 'ניין'. ער האט זיך אנגעטראגן צו העלפן די הנהלת הת"ת אין זייער שווערע צייט, און האט אויך מקדיש געווען אויף דעם אלע זיינע כוחות.

דערנאך וואס רבי אריה האט פרובירט דא און דארט און האט גארנישט מצליח געווען, האט ער זיך בכלל נישט מייאש געווען, נאר אדרבה ער האט זיך געשטארקט אין זיין בטחון אין ה'. אקעגן זיינע אויגן איז ארויפגעקומען די פסוקים: "אל תבטחו בנדיבים... אשרי שא-ל יעקב בעזרו שברו על ה' אלוקיו", און ער האט באשלאסן אראפגיין צו דער פלאץ וואו פון דארט איז די שכינה קיינמאל נישט אוועק, צו די כותל המערבי שריד בית מקדשנו, דארט האט ער געוואלט אויסגיסן זיין הארץ און בעטן פארן באשעפער ער זאל עפענען אוצרו הטוב און שיקן זיין הילף פון הימל אז די הנהלת הת"ת זאל קענען צאלן די געהאלטן פאר די מלמדים, כדי די קול התורה זאל זיך חלילה נישט אויפהערן איין מינוט.

א לאנגע צייט האט געדויערט זיין דאווענען, און ווען ער האט געענדיגט איז ער געווען פארזיכערט און רואיג, א געפיל פון ביטחון האט אים ארום גענומען און די אנגעצויגנקייט וואו ער האט דארט פריער געפינען האט זיך אינגאנצן אויסגעוועפט. ער איז געגאנגען די טריט אויף צוריק ווי עס איז איינגעפירט און געהאלטן ביים פארלאזן דעם כותל, זייענדיג פארזיכערט אין די ישועה פון השי"ת.

קוים האט ער אנגעיאגט ארויסגיין פון די באדן פון די כותל צו די וועג וואס פירט צו די געסעלאך פון די 'מוגרבים' געגנט וואס איז געווען דארט נאנט, איז פלוצלינג צוגעקומען צו אים א יונגער אראבער, רייטנדיג אויף א אייזל, און געבט אים איבער א פעקל איינגעפאקט אין א אלטע צייטונג און זאגט אים: "נעם, נעם עס...".

רבי אריה האט איבערגענומען די פעקל פון די אראבער'ס הענט און דער אראבער מיט זיין אייזל זענען באלד פארשווינדן געווארן אן צו זאגן א ווארט.

ווען רבי אריה האט געעפנט די פעקל און האט אריינגעקוקט אין דעם, איז ער איבערראשט געווארן צו טרעפן אין דעם אסאך פאפירענע געלט. שאקירט און ערשטוינט האט ער שנעל פארמאכט די פעקל ציטערנדיג פון א שלעכט אויג, און האט צוגעאיילט זיינע טריט צו די ריכטונג פון די אפיס פון די הנהלת התלמוד תורה וואס האט זיך געפונען אויף די יפו'ער גאס.

ער איז ארויף געקראכן אויף די וועג פון די 'מוגרבים' געסעלאך, ער האט איבערגעהאקט דאס אידישן קווארטל ביז צו 'שער יפו', אריין אין די יפו'ער גאס און ביז א קורצע צייט איז ער אנגעקומען צו זיין צימער אין דעם בנין התלמוד תורה. נאר דעמאלטס האט ער געציילט די געלט. ווען ער האט געענדיגט ציילן דאס געלט האט ער שיער גע'חלש'ט; די סומע פון די פאפירענע געלטער איז געווען די זעלבע סומע פון די לאך וואס איז געווען אין די קאסע פון די ת"ת כדי צו צאלן די געהעלטער פאר די מלמדים. ויהי לפלא.

דער וואונדערליכער ערציילונג איז דורך א אינטערעסאנטן וועג אנגעקומען צו די בני המשפחה, און ווי געזאגט הגר"ח קנייבסקי, א איידעם פון א איידעם פון רבי אריה מרן הגריי"ש אלישיב זצוק"ל האט געהייסן מ'זאל עס דערציילן, און מ'זאל באטאנען די דערהער וואס קומט ארויס פון די ערציילונג, אז ווען א מענטש דאוונט פון טיפן הארץ און גלייבט מיט זיין גאנצן כח אז נאר השם יתברך קען אים העלפן פון זיינע צרות, וועט זיין ישועה אנקומען זייער שנעל פון דער פלאץ וואס פון דארט האט ער זיך אינגאנצן נישט גערעכנט.

די השתדלות איז אונזער חוב, אבער די ישועה געפונט זיך נאר אין די הענט פון ה', און ער אליין וועט שוין טרעפן דעם ריכטיגן וועג וואס דורך דעם וועט ער העלפן זיינע באליבטע קינדער.

'קול ברמה' 354

עיצובים shay